# פרשת אמור

## בס"ד. משיחת י"ט כסלו ה'תשמ"ז

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בכלל יעדער התוועדות, א צוזאמענקומען זיך, איז דאך לכאורה פארבונדן מיט א מאורע – מיט א פאסירונג – וואס איז געווען מיט כמה שנים לפני זה,

אנהויבנדיק מיט "זכר ליציאת מצרים"[1], וואס מ'איז דא מדגיש דעםווארט "זכר": אז דאס איז ניט אין דעם טאג ווי יציאת מצרים בפשטות, נאר דאס איז "זכר ליציאת מצרים" וואס איז געווען מיט א זמן לפני זה, ביז מיט א זמן רב לפני זה,

על דרך זה אויך בהנוגע צו חג השבועות – "זמן מתן תורתנו", איז דאך מתן תורה געווען מערניט – בלשון הידוע – ווי איין און איינציקן מאל, וואס דאס איז בששה בסיון בשנת צאתם ממצרים און אלס המשך לזה,

ועל דרך זה אויך "בסוכות הושבתי את בני ישראל"[2], איז מען דאך אויך גלייך מדגיש אז (דעמאלט זיינען) – ער האט זיי ארויסגענומען פון ארץ מצרים.

איז דאך פארשטאנדיק אז דאס וואס מ'פארבינדט דאס מיטן עבר, איז דאס ניט אז דאס זאל ברענגען חס ושלום א חלישות בדבר, אז דאס איז א עניין – בלשון הספרי – א ענין "כדיוטגמא ישנה"[3], נאר אדרבה: דאס וואס זי איז א ישנה, איז מען מדגיש דאס אז זי איז א ישנה, כדי נאכמער אונטערשטרייכן, אז וויבאלד אז מ'זעהט אז א ענין ישן האט (ביי) אין זיך דעם כח אז דאס זאל ארויפברענגען מחדש, לאחרי כמה וכמה זמן – אדער שנים, אדער אלפי שנים – פונקט ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה די שטורעם מיט די תוצאות במעשה בפועל מזה,

---

1) ראה פ' ואתחנן פרק ה', פסוק טו (ובקידוש דשבת).

2) פרשתנו (אמור) פרק כג, פסוק מג

3) לשון הספרי ופרש"י שבהערה 4.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אמור

ואדרבה: דאס ווערט נאך – דערביי איז מען אויך מקיים דעם ציווי פון תורה, וואס דאס איז דאך תורת אמת, איז אז זי זאגט אן אויף א זאך, איז א סימן אז די זאך וואס זי הייסט מקיים זיין, אדער בעט מקיים זיין, איז דאס א ענין אמיתי.

זאגט תורה אז דאס איז א ענין "כחדשים"[4], און דערנאך שטייט דאך – לאחרי זה –דער נוסחא אויך חדשים, אן א כ"ף הדמיון.

וואס דאס זאגט מען בהנוגע אויך צו די התוועדות כיוצא בזה, בפרט נאך אז דאס קומט דאך אויך ארויס אין ענינים גשמיים,

ווי מ'זעהט דאס בפשטות אז מצוות היום פון פסח איז פארבונדן מיט אכילת מצה גשמית; און ימים טובים בכלל "אין שמחה אלא בבשר"[5] ו"אין שמחה אלא ביין"; און די שמחה בכלל דארף דאך זיין פארבונדן מיט א שמחה בגופו - ביז אויך ביי נשיו ובני ביתו כמובא אויך אין פסק-דין אין שולחן-ערוך אין הלכות יום-טוב[6],

ועל דרך זה אויך פארשטאנדיק אין די מועדים מדרבנן אדער מצד מנהג ישראל, איז דאך אויך דער מנהג ישראל אז מ'פארבינדט דאס אויך מיט "גדולה לגימה שמקרבת"[7], אף-על-פי וואס דער עניין איז הכי רוחני,

– און מ'דארף דאך ניט האבן א גרעסערע רוחניות ווי ס'איז דער ענין פון זמן מתן תורתינו,

ועד כדי כך אז בהנוגע צו די מצוות המיוחדות ליום טוב זה, געפינט מען ניט קיין מצווה גשמית!

און אף על פי כן – געפינט מען אין אט די אלע כאמור לעיל, ס'פארבונדן מיט שמחה, איז דארף מען דאך האבן דבר המשמח, ביז "משמח אלקים ואנשים"[8], וואס דערפאר איז דאך כאמור מנהג ישראל אין דעם

4) ספרי ופרש"י על פי ואתחנן פרק ו', פסוק ו'.

5) מס' פסחים דף קט, ע"א.

6) אורח חיים סימן תקכ"ט סעיף ז'.

7) ראה מס' סנהדרין דף קג, סע"ב ואילך.

8) ס' שופטים פרק ט', פסוק יג.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אמור

אופן אז זאל זיין "לגימה שמקרבת" און "משמחת", ביז "משמחת אלקים ואנשים", וואס דאס איז אויך כולל דעם אלקים ואנשים וואס איז דא אין יעדער אידן: דער נפש-האלקית שבו, און דער נפש הבהמית והגוף שלו, איז איןביידע דווקא דארף זיין דער ענין השמחה,

איז דאך דערפון כל האמור פארשטאנדיק בפשטות, אז בשעת מ'איז מדגיש נאך אז דאס איז א עניין וואס איז געווען א זמן לפני זה, און דאס איז בדיוק אז ס'איז געווען דווקא א ענין ישן, איז דאס נאכמערער מוסיף און כדי להוסיף נאכמערער בהדגשת הענין און אין פעולת הענין, אז וויבאלד אז מ'זעהט אז זייענדיק א דבר ישן טוט דאס אויף ביתר שאת וביתר עז, און נאכמערער: מדי שנה בשנה, איז א איד, וואס "כל ישראל בחזקת כשרות הם"[9], איז ער מקיים דעם ציווי פון להעלות בקודש אויך אין בשנה זו אן עליה לגבי ווי ביי אים איז געווען דער מועד בשנה שלפני זה, על אחת כמה וכמה מיט צוויי יאר לפני זה אדער מערער.

———— • ————

9) רמב"ם הל' קידוה"ח פ"ב ה"ב. וראה הל' יסוה"ת ספ"ז.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.